דבר האיחוד

יוצא לאור על-ידי
איחוד חסידי מונקאטש

בס"ד. גליון לקראת יומא דהילולא קדישא - שנת מזל"א
ב' סיון ה'תשע"ה


# בְּ"מַזָּלָא" תַּלְיָא מִילְּתָא!

מיר שטייען שוין אין דעם גרויסן הייליגען טאג "ב' סיון", די יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע. אין דעם געהויבענעם "יום המיוחס", טוען מיר כולנו כאחד זיך מתאסף זיין לכבוד די הילולא קדישא. מיר אלע טוען זיך דערוואַרעמען באור פני מלך, בצלא דמהימנותא קדישא פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - הן אנשי שלומינו וועלכע געפונעם זיך בקירוב הגוף והנפש בבית מדרשינו הגדול, און הן אנשי שלומינו בכל מקום שהם וועלכע זענען זיך מתקשר בקירוב הלבבות והנפשות בבתי מדרשינו די בכל אתר ואתר.

דאס יאר דערגרייכט מען דעם שנת "מזלא" להסתלקותו של אותו צדיק, רבינו הקדוש זי"ע. עס ליגט דערין א ספעציעלע גרויסע וויכטיגע ענין, וואס איז נוגע דייקא צו הייליגען בעל הילולא זי"ע.

יעדער ווייסט אז א יארצייט איז א גרויסע טאג וואס איז שטארק מסוגל צו פועל'ן ישועות - פאר אלע וואס זענען מקושר צום צדיק, פאר יעדער וואס גייט אין זיינע וועגען, און שטרענגט זיך אן פאר איהם. די כח און סגולה פון א יומא דהילולא, איז נוגע צו יעדען איינציגען צדיק, זכות כולם יגן עלינו. אבער ביי די יומא דהילולא פון רבינו זי"ע, איבערהויפט אינעם שנת "מזלא", האט דאס א באזונדערע כח און סגולה.

*

במשך ימי חייו עלי אדמת, ווען אלפי רבבות אידן זענען געווען משכימים לפתחו, ווען פון איבעראל האט מען געשטראמט להיכלו של צדיק געבענטשט צו ווערן און צו פועל'ן ביי איהם עצה וישועה, איז דאס נישט געווען בלויז צוליב זיין גרויסן צדקות, און נישט נאר צוליב זיין גרויסן כח פון קדושה און מסירות נפש! ניין, נישט דאס איז געווען די סוד פון זיין געוואלדיגען כח צו משפיע זיין ישועות.

מיר טרויען זיך דאס צו שרייבן, ווייל אזוי שרייבט רבינו זי"ע אליינס!

מיר אלע ווייסן די גרויסע ענווה פונעם רבן של ישראל, דער הייליגער רב זי"ע. ביי זיין לעבן און אויך שפעטער האט ער שטענדיג צוריקגעהאלטן פון שרייבן אויף זיך אויסנאמליכע טיטול'ן, און אין זיין צוואה טוט ער פארבאטן פון שרייבן אויף זיין מצבה אז ער איז געווען א צדיק, קדוש און אזוי ווייטער.

אבער ווען עס איז געקומען צו דעם פונקט פון פועל'ן ישועות פארן כלל ישראל, דארט טוט ער זיך נישט פארדעקן מיט קיין ענוה [זעהט אויס, אז דאס איז שוין נישט מעגליך געווען צו באהאלטן].

אין זיין הייליגער צוואה - וואס ער האט געשריבן פאר זיינע קינדער און חסידים, מען זאל עס לייענען לאחר פטירתו - שרייבט ער ארויס אט די געמאסטענע ווערטער: "הנה רבים פעלו, (ורבים יפעלו,) בעזרת השם יתברך ממני עצות או רפואות טובות בעזרת השם יתברך ומועילות שנתתי להם, ומצינו בדברי חז"ל (עבודה זרה נה, א) שנגזר להתרפאות על ידי רופא או סם פלוני ביום פלוני וכיוצא" - אסאך מענטשן האבן ביי מיר מיט השם יתברך'ס הילף גע'פועל'ט - און וועלן פועל'ן - עצות און נוצליכע גוטע רפואות מיט השם יתברך'ס הילף וואס כ'האב זיי געגעבען!

און דער הייליגער רב זי"ע איז ממשיך צו באטאנען, אז זיין כח דערין איז געווען "גם אם אינני צדיק כלל"! זיין כח אין פועל'ן ישועות איז נישט צוליב זיינע גרויסע מדריגות פון זיין א בן המחפש בגנזי אביו, מלכו של עולם יתברך שמו. נישט אין זיינע זכותים אדער זכות אבות. נאר דאס איז ווייל "הנני בעזרת השם יתברך בר מזלא טבא, בחסדו ורצונו יתברך שמו"! איך בין א גוטער בר מזל! און זייענדיג א "בר מזלא", און מיטן כח פון דעם מזל וואס איך האב, דאס האט מיר ערמעגליכט צו פועל'ן ישועות און רפואות פאר כלל ישראל.

דאס איז געווען די סוד פון די אפענע ישועות וואס מען האט געזעהן ביי רבינו זי"ע. ער האט געהאט די בחינה פון "מזל". ער איז געווען א "בר מזל". מיט דעם כח פון מזל האט ער גע'פועל'ט גרויסע

> **הנה רבים פעלו,**
> **ורבים יפעלו,**
> **בעזרת השם יתברך ממני**
> **עצות או רפואות טובות**

ישועות און רפואות, בגוף ובנפש.

*

יעדע בר דעת וועט וויסן און פארשטיין, אז די רעדע דא איז נישט פון אזא סארט "מזל" פון האבן "גליק", עס איז עפעס אזוי געלונגען, ח"ו. יעדער איינער וואס איז אפילו נאר אביסל בקי אין ספרי רבותינו הקדושים, אדער אז ער לערנט בקביעות דעם טעגליכן שיעור אין ספר הקדוש "דברי תורה", וועט געדענקן צו זאגען אז רבינו זי"ע רעדט אסאך מאל (עיין מהדורא א אות ז, מהדורא ב אות עה, מהדורא ז אות מח, ועוד) איבער דעם ענין פון "מזלא" - פון פועל'ן ישועות דורך די קראפט פון מזל.

אט אזוי איז רבינו זי"ע מבאר אין "דברי תורה" די גמרא אין מסכת מועד קטן (כח, א): חיי בני ומזוני, לא בזכותא תליא מילתא, אלא במזלא תליא מילתא - לעבן אריכות ימים, קינדער און פרנסה, ווענדט זיך נישט אין זכות, נאר אין מזל. עס איז פארשטענדליך פאר יעדן, אז 'במזלא תליא מילתא' מיינט נישט אז דאס איז למשל אנגעוואנדן אינעם מזל פון די כוכבים ווען ער איז געבוירן, אדער צו די צייט וואס ער גייט טוהן זיין מסחר איז פאסיג און מזל'דיג. 'לא באלה חלק יעקב וישראל עם קרובו יתברך שמו'.

נאר די כוונה איז, אז "מזל" איז א לשון פון רינען, אזוי ווי די לשון אין פסוק (שיר השירים ד, טו) 'ונוזלי"ם מן לבנון' (ווי דער רמ"ע מפאנו שרייבט אין עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח"ג מסימן א ואילך, וראה פרי עץ חיים שער הסליחות פ"ח ד"ה נוצר). די באדייט דערפון איז, אז אלע ישועות פאר אידן קומען פון די צוויי מזלי"ן, עס רינט פון מזל עליון צו מזל תחתון. ווער עס איז א בר מזל, קען מעורר זיין דעם רצון פון השי"ת אליינס, כביכול, ער זאל שיקן כל משאלות הלב לטובה - צו אונזער וועלט און פאר אונזער געברויכן. פון 'מזלא עילאה' אריינגיסן צום 'מזלא תתאה'. אז עס זאל רינען די שפע פונעם רצון פון השם יתברך אליינס כביכול. צי מען איז ווערד אדער נישט, עס זאל זיך נישט ווענדן צו מען האט זכותים. "לא בזכותא תליא מילתא". "אלא במזלא תליא מילתא", ווייל אזוי וויל דער באשעפער. איינער וואס האט זוכה געווען צו האבן דעם כח פון זיין א "בר מזלא", דער קען זייער גרינג און זייער פשוט, אראפגיסן השפעות טובות פון איין וועלט צום צווייטן. פון א העכערע וועלט צו א נידריגע וועלט. פון מזל עליון צו מזל תחתון. אן קיין שום שטער. אין דעם איז 'תליא מילתא', אפילו דער צדיק האט נישט קיין זכותים.

רבינו זי"ע האט אויף זיך מעיד געווען מיט א פשיטות אז "הנני בעזרת השם יתברך בר מזלא טבא, בחסדו ורצונו יתברך שמו"! ער האט גע'פועל'ט און וועט פועל'ן ישועות, ווייל ער האט דעם סוד און כח מעורר צו זיין דעם רצון פון השי"ת, עס זאל רינען און רינען השפעות פון מזל עליון צו מזל תחתון. ער איז געווען אזא גרויסער 'בר מזלא', אז וואס ער וועט זאגען וועט אזוי זיין, 'ותגזור אומר ויקם לך'. גענוי ווי עס איז זיין ווילן - וועט זיין די אמת'ע רצון ד'.

# הנני בעזרת השם יתברך
# בר מזלא טבא,
# בחסדו ורצונו יתברך שמו!

*

יעצט האלט מען ביים מעורר זיין די יומא דהילולא שנת מזל"א פון רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע. אין לנו עסק בנסתרות. אבער עס איז שוין דורך אזוי פיל יארן זינט די הסתלקות פון אותו צדיק, עס איז שוין כמעט נישט פארבליבן צווישן אונז תלמידים וחסידים פון הייליגען רב זי"ע. מען האט אפגעראכטן אזויפיל יארצייטן, מען האט טאקע אסאך גע'פועל'ט, מען האט במשך די יארן געזעהן אפענע ישועות.

אבער נישט אלעס האט מען גע'פועל'ט. עס זענען פארבליבן אזויפיל וואס ווארטן נאך געהאלפן צו ווערן. אזוי פיל הערצער זענען צוריסן און צובראכן. ווער קען דען רעכענען און צוזאמציילן וויפיל שוועריגקייטן, מכאובים און יסורים וואס חסידים און תלמידים - וואס האלטן זיך נאנט און מקושר צו אט דעם הייליגען בוים - קוקן ארויס אויסצובעטן און געהאלפן צו ווערן. דער הייליגער רב זי"ע האט דאך צוגעזאגט "ורבים יפעלו" - מיט א לשון עתיד - אז אייביג אייביג וועט מען קענען ביים איהם אויס'פועל'ן עצות און ישועות.

קען זיין, אז ביז היינט האט מען נאר געקענט פועל'ן מיט זכותים. אוי, ווער קען זאגען זכיתי לבי, און ווער ווייסט אויב "תמה זכות אבות"? היי-יאר איז שנת מזל"א. אט דער גרויסער "בר מזלא" גייט אין זיין הילולא ארויף צו א העכערע עולם - צו אן עולם פון מזלא עילאה. יעדעס יאר גייט דער צדיק ארויף אויף א העכערע וועלט. דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע איז ביי יעדן יארצייט ארויף נאך אן עולם און נאך אן עולם. פון איבעראל - פון אלע עולמות - האט ער געבעטן פאר אונז. אבער דאס יאר האלט ער שוין ביי מזל עליון, ביים אכט און זיבעציגסטן עולם. דער גרויסער "בר מזלא" קומט היי-יאר צום עולם המזלא. און וואס ער זאגט צו - וועט אזוי זיין, "צדיק דוזר והקדוש ברוך הוא מקיים". אן קיין סיבה. ווייל אזוי וועט ער וועלן. אן קיין זכות. נאר ווייל מען איז מקושר צום עולם של מזל"א - בשנת מז"לא, בצלא דמהימנותא. פון מזלא עילאה וועט רינען און פליסן צו אונז דא בעולם התחתון. די אלע וועלכע קומען זיך צוזאמען צום יארצייט שנת "מזלא" בצלא דמהימנותא - אין הייליגען שאטן פון ממשיך דרכו כ"ק מרן רבינו שליט"א, דא אין מזל התחתון, וועלן נהנה זיין פון די שפע וואס וועט זיין נוזלים מן הלבנון.

**לזה צריכין מזל"א**
**אשר יהיה בר מזלא**
**גדול מאוד כל כך**
**ככל אשר יאמר יהיה כן**
**ותגזור אומר ויקם לך**
**בדיוק ככל רצונו**

**דאס יאר איז א ספעציעלע יום המיוחס. מיר וועלן בעה"י מעורר זיין די מז"ל, מיטן כח פון דעם צדיק וואס איז א "בר מזלא" - לעד ולדורות. עס וועט נשפע ווערן פון מזלא עילאה צו מזלא תתאה בני חיי ומזוני רויחא - אלע ישועות, רפואות און עצות טובות ומועילות, וואס דאס אלעס איז "במזלא תליא מילתא"!**



# רשימות זכרונות וסיפורים

שנשמעו מפי

## הגאון האדיר
## רבי שמואל הלוי וואזנער זצ״ל

בעל שבט הלוי, גאב״ד ור״מ זכרון מאיר בני ברק

בפגישותיו - במשך השנים - עם יבלחט״א

## כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

- העתקה מילה במילה מהטעי״פ -

### א.

**הגאון בעל שבט הלוי זצ״ל מספר איך שזקינו אבי אביו, זכה לברכת קדשו של רבינו בעל מנחת אלעזר זי״ע, לראות 'אייניקלעך ערליכע תלמידי חכמים':**

איינמאל איז דער מנחת אלעזר זי״ע געווען צו גאסט ביי מיין זיידע'ן, מיין טאטע'ס טאטע, ר' בנימין זאב (וואלף) וואזנער ע״ה, דער ראש הקהל אין סערדאהעל, איך בין דעמאלטס נישט דארט געווען. דאס איז געווען, אין די יארן פון תרפ״ה-תרפ״ו.

דער מנחת אלעזר איז דעמאלטס איינגעשטאנען ביים זיידע'ן, און עס איז אויסגעקומען אז א טייל פון די מעבל האבן זיך צובראכן, פון די געדרענג פונעם ציבור וואס איז געקומען. פארן אהיימפארן האט דער מנחת אלעזר געוואלט באצאלן דעם הפסד פארן זיידע'ן, אבער דער זיידע האט נישט געוואלט נעמען. האט דער מנחת אלעזר געפרעגט: וואס דען ווילט איר? האט דער זיידע געזאגט: דער רבי זאל מיר געבן א ברכה. האט דער מנחת אלעזר איהם געוואונטשן: ער זאל זוכה זיין צו אייניקליך ערליכע, תלמידי חכמים!

[ווען רבינו שליט״א האט אויפברענגט פאר להבחל״ח הרב וואזנער זצ״ל און איהם פארבעטן ער זאל נאכאמאל פארציילן דעם סיפור, פלעגט ער אסאך מאל אויספירן בורב ענוותנותו ופשטותו ווי אזוי די ברכה פון מנחת אלעזר זי״ע איז מקויים געווארן, דורך אנגעבן דעם צאל פון זיין אייניקלעך וועלכע זענען שוין משמש ברבנות ובהוראה.]

איינמאל איז דער מנחת אלעזר געווען א גאסט ביי מיין שווער, ר' מרדכי געלבער, אין פרעשבורג. דער זיידע פון ר' מרדכי [אנוזייזנדיג אויף הגה״צ הרב הדומ״ץ דקהלתינו שליט״א בבני ברק], וועלכער איז אויך מיין אייניקל.

### ב.

**עוד מספר הגאון בעל שבט הלוי זצ״ל זכרונותיו כשזכה לשהות בצל הקודש של רבינו בעל מנחת אלעזר זי״ע:**

איך האב דעם מנחת אלעזר זי״ע געזעהן צוויי מאל. איינמאל איז געזעהן אין ווינען, ווען ער איז געווען אויף זיין רייזע צוריק פון די באוואוסטע נסיעה קיין ארץ ישראל צו זעהן דעם סבא קדישא, אין יאר תר״צ. ער איז געקומען מיט א שיף קיין טריעסט, און פון טריעסט איז ער געפארן דורך ווינען, ווי ער האט זיך אפגעשטעלט, און איינגעשטאנען אין א קליינעם האטעל. עס איז געווען ראש חודש סיון, און אונזערע לומדי'שע חברה אין ווינען איז ארויפגעגאנגען איהם מקבל פנים זיין. איך האב מיטגעדאווענט מיט זיין 'מנין', איך האב איהם דעמאלטס געהערט זאגען 'הלל', און אויך דאס לייענען - קריאת התורה.

איך האב דעמאלטס באמערקט אן אינטרעסאנטע הנהגה, דער מנחת אלעזר איז געווען מלובש בטלית ותפילין, און ער האט גענומען קוויטלעך, צווישן 'הודו' און 'ברוך שאמר'. עס איז נאך א מקום ווי מען קען מפסיק זיין [ווי עס איז מעיר נכדו חביבו ובן גיסו הגה״צ הרב הדומ״ץ דקהלתינו שליט״א בבני ברק, אז ער אליינס איז אויך צוגעגאנגען דעמאלטס און געגעבן א קוויטל].

**עוד מקשריו של הגאון בעל שבט הלוי לחצרות קדשינו, סיפר נכדו חביבו ובן גיסו, הגה״צ רבי מרדכי געלבער שליט״א דומ״ץ דקהלתינו בבני ברק, בביקורו של רבינו שליט״א בביתו:**

דער זיידע ר' מרדכי געלבער ע״ה פון פרעשבורג [חותנו של הגאון בעל שבט הלוי זצ״ל, שהיה מקושר לרבינו בעל מנחת אלעזר זי״ע], שרייבט אין א בריוו צום זיידע'ן [הגאון בעל שבט הלוי זצ״ל], אלס בחור, ווען מען האט איהם אנגעטראגען דעם שידוך צו נעמען זיין טאכטער: איך טוה גארנישט אן דעם מנחת אלעזר, איך אליינס האב זיך שוין מזכיר געווען. איך וויל דו זאלסט אויך נעמען א ברכה. נאר ווען דו וועסט באקומען א ברכה וועל איך ענדיגען דעם שידוך. איך טוה גארנישט אן דעם מנחת אלעזר.

ווען מיין שווער [הגאון רבי חיים מאיר הלוי וואזנער שליט״א, בנו הגדול ומ״מ של הגאון בעל שבט הלוי זצ״ל] איז געבוירן געווארן אין תרצ״ח, א יאר נאך די פטירה פון מנחת אלעזר, האט מיין זיידע [ר' מרדכי געלבער] געוואלט מען זאל א נאמען געבן "חיים אלעזר". דער

זיידע [בעל שבט הלוי זצ"ל] האט אבער אויך חשק געהאט א נאמען צו געבן נאך זיין רבי הגאון רבי יהודא מאיר שפירא זצ"ל פון לובלין, איז פון דעם צוזאמגעשטעלט געווארן דעם נאמען "חיים מאיר".

**עוד ענין מתוך השיחות קדושות, על השתדלותה של הרבנית וואזנער ז"ל לטובת הרבנית הצדיקת חיה פרימא רבקה ז"ל:**

סוף חודש ניסן שנת תש"ד, ווען הרבנית הצדיקת חיה פרימא רבקה ז"ל, בתו היחידה פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע און מאמע פון - יבלחט"א - כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, איז מיט איר מאן ז"ל און די גאנצע משפחה אנגעקומען קיין ירושלים, איז זי ליידער זייער שוואך געווארן, און זי איז געליגען קראנק, ביז איר פטירה פונקט א יאר דערויף, כ"ו ניסן תש"ה.

הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל האט אין יענע תקופה געוואוינט אין ירושלים עיר הקודש, ווי ער האט געדינט אלס א דיין אין די "עדה החרדית". אין יענע צייט איז די רביצין ע"ה פון הרב וואזנער זצ"ל, זייענדיג פון א משפחה פון גרויסע מונקאטשער חסידים, געווען שטארק בייהילפיג פאר די 'בית צדיקים' בכלל, און פאר די געזונט פון הרבנית הצדיקת חיה פרימא רבקה ע"ה.

רבינו שליט"א, פלעגט ביי אלע באזוכן איבער'חזר'ן פאר הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל, אז די מאמע, הרבנית הצדיקת חיה פרימא רבקה ע"ה, האט שטענדיג מחזיק טובה געווען זיין רביצין, אז זי האט איר דעמאלטס ממש אויפגעהאלטן ביים לעבן. ווייל אויסער דעם וואס זי איז נישט געווען געזונט, האט זי כמעט נישט געהאט קיין היימישן פנים, און אז עס איז געקומען רבי מרדכי געלבער'ס ז"ל טאכטער צו איר אין שטוב, האט עס איר ממש געגעבן חיות. רביצין וואזנער ע"ה האט אסאך חסד געטוהן מיט איר, יעדן טאג געברענגט מילך פון ציגען, וואס האט געזאלט זיין א רפואה, און נאך אנדערע זאכן וואס איז שווער געווען צו באקומען. עס איז פאר די רביצין הצדיקת ז"ל געווען א גרויס חשיבות און חיות די חיזוק וואס זי האט באקומען פון רביצין וואזנער ע"ה.

הגאון הגדול בעל שבט הלוי זצ"ל האט ביי א געלעגענהייט דערביי אויפגעברענגט אז ער זעלבסט איז אמאל ארויפקומען מחזק זיין די משפחה (אין די האטעל באב"ד אויף רחוב צפניה), וואס דערויף האט רבינו שליט"א דערמאנט אז ער געדענקט ווי ער איז פארהערט געווארן דורך הגאון בעל שבט הלוי, צוזאמען מיט די עלטערע ברידער. הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל איז פארכאפט געווארן אין התפעלות אז רבינו שליט"א, געדענקט דאס נאך אזוי גוט, טראצדעם וואס ער איז נאך דאן געווען אין א גאר יונגען עלטער.



די לעגיטימאציעס צו בעקימען באהן־ערמעסיגונג צו דער מונקאטשער חתונה זענען צו בעקימען ביי די פאלגענדע ה. ה.:

מרדכי געלבער בראטיסלאווא יודען ג. 20.
שמואל ליב גריסמאן באדיאוו.
דוד בלומענבערג דונאסערדהעלי.
ישראל יעקב זאלראן חוסט.
צבי לייבטער טאפאלטשאן.
יהושע גראס שו"ב משי טעשין.
שמעון וואלף עהרענמאן טשאפ.
זלמן ליב ווידער מיהאליוויץ.
יצחק פוכס סעליש.
צבי ארטער פרעשאו — אפעריעס.
הרב אהרן עפשטיין דומין פ־אנ־פראהא.
שמואל גרינפעלד קיראליהאז.
ברוך וועלצער קיראלי־העלמעץ.
וואלף רייכמאן קאשוי. צדר העוצקא
פ־יערמאן קאשוי, באטשקאג. 9.
יוסף וויגנער קעמארן.
שלמה עבנער מערוולאבארצע.
מרדכי פערלשטיין סיגעט.
שמעלקי יערמיאש האלמין (רומעניע).
די באהן־הנחה איז גילטיג אין די טעג פון 12־טען ביז צום 27־טען מארץ.



די באהן־הנחה צו די מונקאטשער חתונה

ווי מיר האבען שוין די 8. וואך בקיצור געמאלדען האט דאס אייזענבאהנמיניסטעריום בעוויליגט א פרייז־הנחה פאר די בעזוכער פון די חתונה.

איצט רעווידען מיר די גענויערע פרטים. די ערמעסיגונג לויטעט: ביי פערזאנען צוג אויף יעדעס ארט און אויך ביי שנעלצוג ביי א ענטפערנונג פון מינדעסטענס 100 קילאמעטער. די וועלכע ווילען בעאנשפרוכען די הנחה ברויכען צו האבען א לעגיטימאציע או זיי פאהרען אויף די חתונה ביי פארווייזען די לעגיטימאציע בעקומט מען ביי די כאהן א נאכלאס פון 3 פראצענט אהער און 33 פראצענט בי דער ריקרייזע. אויסלענדישע געסטע בעקומען די הנחה ביי זייער ריקפאהרט מיטיינמאהל 66 פראצענט. ווען זיי ... כען אבער רעכטצייטיג די לעגיטימאציע בעקומען זיי די הנחת שוין ביי דער ...

די לעגיטימאציעס קענען בעקומען ווערען אויף די אדרעססען:

אין מונקאטש — רעדאקציע ... ציימונג. אין קאשוי־ביי ... מאן Wörösmarti 9. אין פרעשאו ביי הער ה. ארטנער. אין בראטיסלאווא ביי הערר מ. געלבער יודען גאס 20. אין סערדילא־בארען הער שאלאמאן עבנער. אין מש. מעשין — ביי ר' יהושע שו"ב. אין קיראליהאז — ביי ה' שמואל גרינפעלד. אין חוסט ביי ה' ישראל יעקב זאלראן.

די בענינסטיגונג איז גילטיג פון 12 מערץ ביז צום 22־טען.

יעדע בילעט קאסט 5 קרוין די באר־הוצאות אויף די הנחה־שפעזען.

לכבוד די גרויסע חתונה פון הרבנית הצדיקת חי' פרימא רבקה ז"ל האט די רעגירונג געשאנקן א ספעציעלע באן-הנחה פאר די אלע חסידים וואס זענען געפארן צו די חתונה. אין מערערע שטעט זענען געשטעלט געווארן אנשים נאמנים, וועלכע די רעגירונג האט פאראטרויעט צו פארטיילן אט די לעגיטימאציעס צו קענען פארן.

אין פרעשבורג (בראטיסלאווא) איז באשטימט געווארן דער חשוב'ער נגיד און חסיד ר' מרדכי געלבער ז"ל, שווער פון הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל





רבינו שליט"א באטייליגט זיך ביים עצרת הספד אין בארא פארק אויף די הסתלקות פונעם גרויסן פוסק הגאון הגדול בעל שבט הלוי זצ"ל

# "עדיין עושין אותה בשמחה"!

## נאך טויזענטער בריתין, בין איך מקיים יעדע ברית מילה מיט די זעלבע שמחה וואס איך האב געשפירט ביים ערשטן ברית!

**רבינו שליט"א פארציילט, וואס ער האט געהערט פון הגה"צ רבי יעקב צבי הלוי יונגרייז זצ"ל, אב"ד פיעהר-דיארמאט:**

אין זיין רבנות-שטאט, דיארמאט, האט ער געהאט א געוויסע תלמיד פון משפחת זעהלפרייד הכהנים, וועלכע זענען געווען מקושר צו רבותינו הקדושים זי"ע, און במשך הזמן איז ער אריבער לערנען אין די שטאט סאטמאר אין די ישיבה פון הגה"ק אדמו"ר מסאטמאר זצוק"ל, און שפעטער איז ער דארט א חתן געווארן און פארבליבן דארט וואוינען אריבער די גרעניץ אין רומעניא. אין יאר תרצ"ו, ווען רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע איז געווען אין אונגארן אויף א ברית מילה, איז דער תלמיד געקומען מקבל זיין פני רבינו זי"ע, און אזוי ווי עס איז איהם שוין אריבער א לענגערע צייט זינט זיין חתונה און ער איז נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, האט ער מיט גרויס געוויין זיך מזכיר געווען ביי רבינו זי"ע געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים.

עס איז באקאנט דרכו בקודש פון רבינו זי"ע, אז טייל מאל ווען ער האט געוואלט אויס'פועל'ן א ישועה אויף זרע של קיימא, איז זיין ברכה און הבטחה געווען מיט א תנאי, אז ווען עס קומט די ישועה זאל מען איהם מכבד זיין מיט מוהלות און סנדקאות. אויך דא האט רבינו זי"ע איהם געשטעלט די שאלה: אויב וועל איך דיר צוזאגען א בן-זכר, וועסטו מיר מכבד זיין מיט סנדקאות און מוהלות? ער האט געענטפערט אז אוודאי יא. אזוי איז טאקע געווען, כעת חיה איז איהם געבוירן געווארן א בן זכר למזל טוב, און ער האט גלייך געשיקט א טעלעגראם קיין מונקאטש, אז די ברית מילה וועט אפגעראכטן ווערן אין זיין געבורט שטאט דיארמאט, און ערווארט אז רבינו זי"ע זאל קומען דינען אלס סנדק און מוהל ביים ברית.

אין יענע צייטן, אנהויב שנת תרצ"ז, די לעצטע יאר לימי חייו פון רבינו זי"ע, איז אזא נסיעה נישט גרינג אנקומען פאר רבינו זי"ע, צוליב זיין מחלה און גרויסע יסורים. אבער, רבינו זי"ע האט געזאגט פארן משב"ק רבי חיים בער, אז פונדעסטוועגן מוז ער אויספירן זיין הבטחה, צו פארן צום ברית אריבער די גרעניץ קיין אונגארן.

אנקומענדיג נאנט צו די גרעניץ צווישן טשעכיי און אונגארן, האט רבינו זי"ע באמערקט אז אנשטאטס די גרעניץ וועכטער וואס זענען איהם שוין באקאנט געווען פון די פריערדיגע רייזעס, שטייען אצינד נייע וועכטער און היטערס (ווייל די רשעות'דיגע השפעה פון די דייטשן ימ"ש און זייער גרעניצלאזע שנאה צו אידן האט זיך שוין דאן אנגעהויבן שפירן אויך ביי די באעהרדע אין אונגארן). רבינו זי"ע האט געגעבן א קרעכץ און האט זיך באקלאגט, אז זייערע פנימ'ער ווייזן אז זיי זענען רשעים, פון די כוחות הסטרא אחרא. און ווען רבי חיים בער האט ראעאגירט אז ער באמערקט גארנישט, האט איהם רבינו זי"ע געזאגט "א מזל האסטו, אז דו זעהסט גארנישט"...

במשך די אלע יארן האבן די אונגאריש רעגירונגס-לייט מכבד געווען די אידישע רבנים, איבערהויפט אן "אויבער-ראבינער" [א באקאנטער הויפט-רב], און ווען א רב איז אנגעקומען צום גרעניץ מיט אידישע הייליגע חפצים, האבן די וועכטער גלייך גזיגעלט אלעס, און איהם געלאזט אריבער גיין. עס איז קיינמאל נישט געשעהן אז רבנים און אזוי אויך להבדיל אנדערע רעליגיעזע פיגורן זאלן דארפן אדורכגיין ווי א פשוט'ער פערזאן זיך לאזן אונטערזוכן זיינע געפעק און חפצי דת און אזוי ווייטער. אבער יעצט, ווען רבינו זי"ע איז אנגעקומען צום גרעניץ פונקט, האט מען איהם געוויזן צו גיין אין די שורה ווי אלע געווענליכע מענטשן, און האבן איהם נישט געלאזט דורכגיין בדרך המלך, אזוי ווי עס איז געווען די סדר אלס רעספעקט. רבינו זי"ע האט זיך

דאן אויסגעדרייט צו רבי חיים בער און איהם געפרעגט "זעהסט נאך אלץ נישט וואס גייט דא פאר"? און ער האט ווייטער געזאגט אז זיי זענען פון די כוחות הס"מ וועלכע פארשטערקערן זיך אין די טעג און אזוי ווייטער. רבינו זי"ע האט געדענקט דעם נאמען פון דעם הויפט וועכטער וואס איז געשטאנען ביי דעם גרעניץ, און ווען ער האט געבעטן מען זאל איהם אהין רופן, האט מען איהם געענטפערט אז מען האט איהם שוין אפגעזאגט פון זיין אמט און מען האט שוין געשטעלט נייע מענטשן.

רבינו זי"ע האט געהאלטן אין זיינע הענט א קליינעם רענצל וואס דערין האט ער געהאט אלע געברויכן צום ברית, צווישן זיי א פלעשל זייער שארפע ווייסע וויין, צו נוצן פאר זילוף ביי מציצה, וואס דאס פלעגט ער שטענדיג מיטברענגען פון שטוב. דער גוי'שער וועכטער האט פארלאנגט צו עפענען און אונטערזוכן דעם רענצל, אבער רבינו זי"ע האט געזאגט אז ער האט דערין רעליגיעזע ארטיקלן, דערמאנענדיג אז עס איז דא אן אונגארישע געזעץ - מיט די און די נומער, אז א 'ראבינער' (און אזוי אויך להבדיל זייערע גלחים) האבן די זכות צו זאגען אויף א רענצל וואס זיי נעמען מיט - אז דאס איז אונטער זייער אויפזוכט און אחריות, און מען קען זיי נישט ארויפצווינגען מען זאל דאס איבערגעבן אויף אונטערזיכונג. דערויף האט דער וועכטער געענטפער אז די געזעץ איז שוין מער נישט אין קראפט, און פון היינט און ווייטער קען קיינער נישט דורכגיין די גרעניץ מיט א רענצל, נאר אויב ער גיט דאס איבער צו עפענען. דאן האט רבינו זי"ע מיט א טיפער קרעכטץ און ווייטאג געזאגט פאר ר' חיים בער: יעצט זעהסטו שוין זיכער וואס טוט זיך דא...

אזוי איז געווארן א טענה'ריי צווישן דעם וועכטער און רבינו זי"ע, וועלכער האט זיך געהאלטן ביי זיינעם אז די רענצל אנטהאלטן רעליגיעזע ארטיקלן, און ער קען דאס נישט איבערגעבן אין דעם וועכטער'ס הענט בשום פנים ואופן. ווי פארשטענדליך האט דאס געברענגט אז די טענער זאלן זיך הייבן, און פון די געשרייען זענען זיך צוזאמגעלאפן אלע גוים צו זעהן וואס גייט פאר. דאן האט רבינו זי"ע נאכאמאל פרובירט פארצולייגען זיין בקשה, און ער האט געזאגט: איך האב נישט אין דעם רענצל גארנישט, נאר עס ליגט דארט איין פלעשל פון "הייליגע וויין", וואס קיינער טא דאס נישט צורירן, און אויב דו וועסט דאס עפענען וועסטו דאך דאס גלייך צורירן, ממילא וויל איך נישט אז קיינער זאל דאס נישט עפענען (ווי פארשטענדליך כדי נישט מעורר צו זיין קיין שנאה פונעם גוי האט רבינו זי"ע זיך אפגעהאלטן פון דערמאנען דעם דין פון נגיעת עכו"ם ביי וויין אז ער מאכט דאס פאר "יין נסך").

דער רשע האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן, און ער האט ווידער באטאנט אז אויב גיט מען איהם נישט אונטערצוזוכן דעם רענצן, ערלויבט ער נישט מען זאל דאס דורכפירן די גרעניץ. דאן האט רבינו זי"ע געעפענט זיין רענצל, ער האט גענומען דעם פלעשל וויין אין זיין הענט, ער האט דאס געווארפן אויף דער ערד. דאס פלעשל האט זיך צובראכן אויף שטיק שטיקער, און דאס וויין האט זיך געגאסן אויף דער ערד, און רבינו זי"ע האט געזאגט פארן וועכטער: יעצט קענסטו אויפלעקן די וויין ווי א הונט... אבער עס וועט בלייבן ווי איך האב געזאגט, דו וועסט מען פלאש נישט צוריקן! פון די גרויסע טומל און איבערקערעניש, זענען אנגעקומען העכערע באאמטע פונעם גרעניץ וואך, און זיי האבן דאן איבערגעבעטן רבינו זי"ע אויף די עגמת נפש, און ער איז אדורך די גרעניץ. אזוי האט רבינו זי"ע פארגעזעצט דעם וועג קיין דיארמאט זייענדיג אפגעמוטשעט און פארזארגט פון דעם גאנצן געשעהניש, זעהנדיג ברוח קדשו ווי די רשעת הגוים שפאנט פאראויס און ווערט שטערקער אן קיין גבול.

ווען רבינו זי"ע איז אנגעקומען קיין דיארמאט, זענען די שטאט מענטשן איהם געקומען מקבל פנים זיין. אבער אזוי ווי ער איז געווען אזוי דערשלאגען און צובראכן פון די עגמת נפש וואס ער איז אדורך, און ער האט געליטן שווערע יסורים אויף די פיס, איז רבינו זי"ע גלייך געגאנגען צו די אכסניא זיך איינגעשפארט כדי זיך צו קענען אביסל אפרוען. נאר שפעט ביינאכט איז רבינו זי"ע ערשינען ביי די סעודה וואס דער בעל הברית האט צוגעשטעלט לכבודו פון רבינו זי"ע אינאיינעם מיט די וואכנאכט סעודה.

צווישן די חשוב'ע רבנים וואס זענען געקומען צו מקבל פנים זיין רבינו זי"ע, איז געווען הגה"צ רבי דוד יעקב בריסק זצ"ל אבדק"ק טיסא-דאדא (א ברודער פונעם בארימטן רב און תופס ישיבה, הגה"צ אבדק"ק טאשאנד זצ"ל). דער דאדא'ר רב איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א חשוב'ער רב, און ער האט זיך גוט געקענט מיט רבינו זי"ע וייל ער פלעגט אסאך קומען קיין מונקאטש זיך מסתופף זיין בצלו פון רבינו בעל דרכי תשובה זי"ע. ווען ער האט געהערט די גאנצע געשעהניש, און ער האט געזעהן די צובראכנקייט און די יסורים פון רבינו זי"ע, האט ער זיך אנגערופן בדרך כבוד און מיט א ידידות:

- איך בין דאך אביסל עלטער פונעם רבי'ן, און איך בין נאך געפארן אויף ימים טובים צו אייער הייליגען טאטע'ן זי"ע, דעריבער וועט דער רבי מיר ערלויבן צו זאגען מיין מיינונג און עצה טובה, אז אין אזא מצב און אין די יארן ווען דער רבי ליידט שווערע יסורים און די רעגירונגען טוישן זיך, זאל ער שוין אפשר מער נישט אונטערנעמען אזעלכע ווייטע נסיעות צו מקיים זיין די מצוה פון מילה...

האט איהם רבינו זי"ע געענטפערט מיט גרויס התרגשות:

איר ווייסט דאך אוודאי וואס די גמרא זאגט אויף מצות מילה (שבת קל, א) "כל מצוה שקבלו עליהם בשמחה עדיין עושין אותה בשמחה",



אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קיט, קסב) שש אנכי על אמרתך. איך האב זיך אייביג געוואונדערט, וואס איז די חידוש אז 'עדיין עושין אותו בשמחה'? יעדע טאטע איז דאך נאר זוכה מקיים צו זיין די מצוה איינצעלנע מאל ביי זיינע אייגענע קינדער? יעדעס מאל וואס עס ווערט איהם געבוירן א בן זכר און ער קען מקיים זיין די מצות מילה האט ער דאך א געוואלדיגע שמחה און נחת!? איז פארוואס זאל ער דאס נישט טוהן מיט שמחה? אלא מאי, מיינט נישט די גמרא דעם אבי הבן - ווייל ער איז זיכער מקיים די מצוה מיט גרויס שמחה. נאר, דאס גייט ארויף אויפן מוהל - וואס ער האט אסאך ברית מילה'ס יעדן איינציגען טאג, יאר נאך יאר, און פונדעסטוועגען דאך 'עדיין עושין אותה בשמחה', איז ער נאך אלץ מקיים די מצוה מיט שמחה - אן קיין שום התיישנות.

און רבינו זי"ע האט אויסגעפירט מיט א רירנדע שטימע:

איר זאלט מיר גלייבן, אז אזוי ווי ביי די ערשטע ברית מילה מיט וואס איך בין מכובד געווארן ווען איך בין געווען א יונגערמאן, האב איך מקיים געווען מיט שמחה, אזוי איז דאס עד היום הזה. אז כאטש איך האב שוין געהאט טויזענטער ברית'ן בליעה"ר (במשך כמעט פופציג יאר) 'עדיין עושין אותה בשמחה'! יעדע ברית מילה בין איך מקיים מיט די זעלבע שמחה וואס איך האב געשפירט ביים ערשטן ברית, און כל עוד נשמתי בקרבי וועל איך נישט נאכלאזן פון מקיים זיין אט די באליבטע מצוה! [דער מספר, הגה"צ אב"ד דיארמאט זצ"ל, האט געזאגט, אז ער האט דאן געהערט מפה קדשו פון רבינו זי"ע, אז ער האט אויף זיך, אז ער האט שוין זוכה געווען צו מל'ן זעכצן טויזענט ברית'ן!, והוא פלא]

רבינו זי"ע האט דאן פארגעזעצט דעם שמועס איבער זיין עבודה צו פארן אויף ברית'ן אויך אויף ווייטע פלעצער. און ער האט צוגעלייגט, אז כאטש זיין טאטע [רבינו בעל דרכי תשובה זי"ע] און זיינע אבות למעלה בקודש זענען געווען מוהלים מומחים, האבן זיי דאס נישט געטוהן אויף דעם פארנעם. אבער ער זעלבסט גייט דערמיט אין די וועגען פון זיין הייליגע זיידע רבי ר' משה ליב סאסוב'ער זי"ע, וואס איז געווען א וואונדערליכע מוהל מומחה, און זיין גאנץ לעבן איז ער אייביג געפארן אפילו גאר ווייט, אויב מען האט מכבד געווען מיט א ברית מילה. און עס איז זיכער אז זיין עבודה און זיינע נסיעות אזויפיל פרסאות און מילין, האט געברענגט א נחת רוח און א גרויסע רעש אין די הויכע הימלען. און אזוי ווי רבינו זי"ע זעהט נישט עס זאל זיין אן אייניקל וואס זאל ממשיך מיט די מסורה פון אט די עבודה, האט ער מקבל געווען אויף זיך צו פארן אויף ברית'ן אויך אויף ווייטע שטעט.

למעשה, איז דאס שוין געווען ביי רבינו זי"ע כמעט די לעצטע נסיעה אויף א ברית מילה אינדערווייטענס, ווייל זיין מחלה און יסורים האבן זיך געהאלטן אין איין שטארקן, ביז ער איז יענעם יאר נסתלק געווארן ביום ב' סיון.

# רבינו הקדוש
## מרן בעל מנחת אלעזר זי"ע
# וגדולי דורו

## הרה"ק רבי חיים אברהם דובער הכהן לעווין זצ"ל - ה'מלאך'

### אמעריקא בימים ההם

עס איז פאר אלעמען באקאנט אז פריערדיגע צדיקים פלעגען דעם אמאליגען אמעריקא אנרופן "דער טריפה'נער אמעריקא". רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע דריקט זיך אויס אין א בריוו געשריבן בכתי"ק אז אמעריקא איז אן "**ארץ בוקה ומבולקה**", וואס דאס איז געבויעט אויף א פסוק אין תרי עשר (נחום ב, יא), ווי רש"י איז דארט מפרש: **בוקה** - ריקנית. **ומבולקה** - מפורצת בחומותיה.

בימים ההם איז אמעריקא געווען אן ארץ פרוצה באין חומה, דאס אידישקייט איז ליידער געשטאנען אויף גאר נידריגע שטאפלען, איבערהויפט דאס ערליכע און חסידי'שע אידישקייט. גאר א קליינע פראצענט, כמעט נאר אחד בעיר, האט זיך געטראפן, וועלכע האבן זיך געהאלטן ערליך, און נישט נאכגעלאזט פון זייער אידישקייט וואוינענדיג אין אמעריקא.

אין זיינע הייליגע ספרים טרעפן מיר אסאך מאל, ווי דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע איז זיך מתמרמר אויף די נסיונות פון דאס אידענטום אין אמעריקא, איבערהויפט אין דאס ענין פון שמירת שבת קודש. גאר באקאנט זענען די הארציגע ווערטער וואס רבינו זי"ע האט געווידמעט ביי די גרויסע חתונה פון בתו היחידה הרבנית הצדיקת ז"ל, ווי ער בעט זיך אוןווארענט די אידן אין אמעריקא אז מען זאל האלטן שבת און אזוי ארום וועט זיי גוט זיין.

עס וועט זיין ווערטפול נאכצוברענגען א הייליגען לשון וואס רבינו זי"ע האט געזאגט ביי די הושענות-דרשות אום הושענא רבה תרצ"ו (געדרוקט אינעם קונטרס 'דברי קודש', און פון דארט אין 'שער יששכר' מאמר ישע רב אות יא). רבינו זי"ע טוט שילדערן דעם גרויסן נסיון פון ארימקייט וואס אידן טוען דורכגיין:

**והנה הנסיון הגדול באחרית הימים, התחיל זה רבות בשנים, בנסיון העוני והדלות, השורר בקרב העם, כדאיתא בתיקוני זוהר הקדוש בהקדמה דנגזר ע' שנין דעני' בגלות בתראה ר"ל. ומה יעשה הבן ישראל שאין לו במה לפרנס אותו ואת ביתו, ועוללים שאלו ללחם ומעט חלב להחיות נפשם ואין פורש להם, ואין לשלם שכר לימוד של תלמוד תורה לתינוקת, וכיוצא. ומי יעמוד?** ווער קען קען דעןביישטיין אזא נסיון?

דאס גרויס ארימקייט האט צוגעברענגט אז אידן זאלן זיך זוכן א נייעם מקום מקלט. **ומראש היה למקצתן לפליטה מדינת אמעריקא, אמנם שם בעונותינו הרבים תשעים אחוזים מהם - (מלבד היראים בני עליה והם מועטים) - נגעו בחילול שבת קודש! ואם שאינם אנשים רעים בטבעם, אבל על כל פנים לא יכלו לתפוש במוחם הקטן ולישא את ראשם למען דעת שאפשר לשמור את יום השבת ולהתברך גם כן בפרנסה בכבוד!**

צווישן אט די "**יראים בני עליה והם מועטים**" וועלכע האבן זיך געטראפן אין אמעריקא, קען מען געוויס ארייגרעכענען די חשוב'ע חבורה, וועלכע זענען גערופן געווארן מיט נאמען "**די מלאכים**", זייענדיג אונטער די השפעה פון זייער גרויסן רבי'ן, הרה"ק רבי חיים אברהם דובער הכהן זצ"ל, וועמען מען האט אלס זיין גרויס פרישות אנגערופן מיטן תואר "**דער מלאך**".

### ה'מלאך'

הרה"ק רבי חיים אברהם דובער הכהן זצ"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תרי"ט, צו זיין טאטע הרה"ק רבי שניאור זלמן הכהן זצ"ל, רב אין קעריסלאווא, רוסלאנד, אין די וויטעפסקער גובערניע.

די שטאט קעריסלאווא איז געווען א מתנגד'ישע שטאט, און ווען עס איז באקאנט געווארן אין שטאט, אז זייער רב איז א חסיד, און אז ער פארט צו זיין רבי'ן הרה"ק בעל צמח צדק מליובאוויטש זצ"ל, איז דער רב רבי שניאור זלמן געווען געצווינגען צו אנטלויפן פון שטאט. ער האט זיך דאן באזעצט אינעם שטעטל איליא, ווי עס איז איהם געבוירן געווארן זיין זוהן רבי חיים אברהם דוב בער הכהן.

דער 'מלאך', רבי חיים אברהם דוב בער, איז אויפגעוואקסן אין דעם שטעטל איליא. נאך די חתונה איז ער געווען פאר צוויי יאר א תלמיד ביי הגאון רבי ראובן הלוי לעווין זצ"ל רב פון דווינסק, און שפעטער איז ער געגאנגען לערנען אין כולל אין שטאט קאוונא ביי גרויסן בארימטן גדול הדור, הגאון רבי יצחק אלחנן ספעקטאר זצ"ל, קאוונער רב, וועלכע האט איהם געשאנקן 'סמיכה' ביי די ניינצן יאר.

ווי זיין טאטע, איז דער 'מלאך' געווארן פון די גרויסע חסידי חב"ד, ער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק מהר"ש מליובאוויטש זצ"ל, און האט פיל עוסק געווען און פארשפרייט תורת חב"ד. דער ליובאוויטשער רבי, הרה"ק מהרש"ב זצ"ל, האט אויסדערוועלט דעם 'מלאך' צו לערנען מיט זיין זוהן הרה"ק מהריי"צ מליובאוויטש זצ"ל אלס יונגערמאן (ווי דער מלאך דערציילט אין א בריוו צו הגה"צ רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל מירושלים עיה"ק ת"ו).




דער 'מלאך' איז געווען א גרויסער גאון און צדיק, א געוואלדיגער חריף און למדן מופלג. פון יונגערהייט איז ער געווען באקרוינט מיטן טיטול "דער אילייאר עילוי", און זיין גדלות בתורה איז געווען געשעצט דורך גדולי ישראל - אויך פון בני מדינת ליטא - וועלכע זענען נתפעל געווארן פון זיין טיפע חכמה, קלארקייט און ברייטקייט בכל מכמני התורה. הגה"ק בעל חפץ חיים זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדרוקט צום מלאך'ס טאכטער: דיין פאטער איז א בעל רוח הקודש, ער האט אריינגענומען אין איין גוף חכמת שלמה און תורת משה! דער גרויסער גאון רבי נפתלי טרופ זצ"ל האט געזאגט אז די ליטווישע גדולים האבן מעיד געווען אויפן מלאך, אז ער האט אן אייזערנעם קאפ און זיין הבנה איז אן קיין ברעג.

זיין דביקות אין חסידות הבעל שם טוב זי"ע, אויפן שטייגער פון תורת חב"ד, האט זיך דערקענט אין זיין הויכע עבודה ביים דאווענען און לימוד התורה. זיינע דברי תורה און דברי מוסר זענען געווען ארומגענומען מיט אן אמת'ע גייסט פון חסידות, וואס האט מעורר געווען לב כל השומע.

"וצדיק באמונתו יחיה". ער האט געלעבט מיט אן אמונה טהורה בד', און האט שטענדיג גערעדט און אריינצובאקן עניני אמונה פאר כל שומעי לקחו. ער האט זיך ארויסגעשטעלט אקעגען די דיעות כוזבות פון די ציונים מיט אלע פארטייען וועלכע טוען זיך מיטשלעפן נאך זיי, וויבאלד זיי גרעניצן זיך מיט כפירה אין די קלארע אמונה בד' ובביאת המשיח.

אין יאר תרפ"ד, ווען זיין איינציגער זוהן ר' רפאל זלמן האט זיך געדארפט שטעלן אין מיליטער, איז ער געווען געצווינגען צו אנטלויפן פון רוסלאנד, און ער האט עמיגרירט קיין אמעריקא. דאן איז דער מלאך נאכגעפארן זיין זוהן קיין אמעריקא,

וועלנדיג היטן זיינע דורות זאלן נישט פארפאלן ווערן דורך די דעמאלסדיגע גאר שווערע נסיונות.

דער 'מלאך' האט זיך באזעצט אין בראנקס, נוא יארק. דארט איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין בית המדרש נוסח הארי"י. דער מלאך האט אין אמעריקא ממשיך געווען מיט זיין הייליגע וואונדערליכע עבודה, מיט א געוואלדיגע חסידות און פרישות, וואס איז בימים ההם ממש נישט געזעהן געווארן כדוגמתו אויפן אמעריקאנעם באדן.

דער מלאך האט שטענדיג מקיים געווען דעם 'ולא תגורו מפני איש', ער האט זיך קיינמאל נישט אפגעהאלטן פון ארויסזאגען זיין מיינונג מיטן פולסטן שארפקייט. ער איז געשטאנען כצור החלמיש, נישט צו דערלאזן אריינברענגען פשרות אין אידישקייט. ער האט מעורר געווען און פארלאנגט, אז אויך אין אמעריקא זאל מען אויף א איד דערקענען און זעהן דעם צלם אלקים, און מען זאל זיין באקליידעט מיטן אידישן לבוש, ווי אין אייראפע.

ווען מען פלעגט זאגען פארן מלאך דעם אויסרייד אז "אמעריקא איז אנדערש"... פלעגט ער ענטפערן מיט די רייד פונעם רמב"ם אין מורה נבוכים, אז אזוי ווי אין חכמת החשבון, צוויי מיט צוויי קען נישט נשתנה ווערן, עס איז א מציאות און א פאקט, אזוי אויך קען די תורה נישט נשתנה ווערן אין קיין שום מקום און זמן!

### כי אותך ראיתי צדיק בדור הזה

אט דער דאזיגער מהות פונעם 'מלאך', זיין גדלות בתורה ובחסידות, זיין גרויס פרישות און אמונה, האט צוגעברענגט, אז פונעם ווייטן אמעריקא, מעבר לים, אריבער קיין אייראפע, ביז מונקאטש, האט דער מלאך אנגעקניפט א קשר צו רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע.

די קשר איז געשאפן געווארן מיט די פארמיטלונג פון הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל פון ירושלים עיר הקודש ת"ו, וועלכער איז געווען מקושר מיט א געטריישאפט צו רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, און ער האט כל ימיו מפיץ געווען בכתב און בעל פה די הייליגע תורות און דרך פון רבינו זי"ע.

טראצדעם וואס זייענדיג אין רוסלאנד, איז פארן מלאך קיינמאל נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן פערזענליך מיט רבינו זי"ע, און זייענדיג אין אמעריקא איז דאס שוין אודאי נישט מעגליך געווען, איז אבער מריחוק מקום וקירוב לב געשאפן געווארן א קשר, און דער מלאך איז געשטאנען מיט א שריפטליכע פארבינדונג מיט רבינו זי"ע.

הרה"ח ר' חיים בער פלעגט דערציילן אז עס איז געווען א גרויס שמחה ביים הייליגן מנחת אלעזר זי"ע ווען עס איז אנגעקומען פון אמעריקא, א בריוו פונעם מלאך. דער הייליגער מנחת אלעזר



רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע דערמאנט אין א בריוו פונעם 'מלאך'

זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט פאר ר' חיים בער: עס איז א פלא אז אין אמעריקא זאל זיין אזא הויכע נשמה.

לעומת זה, פלעגט דערציילן דער מלאך'ס זוהן, רבי רפאל זלמן, אז ווען זיין טאטע האט זוכה געווען צו ערהאלטן א בריוו פון מונקאטש, האט ער דאס איבערגענומען מיט א געוואלדיגע שמחה דקדושה און יראת הכבוד.

אלע באי ביתו פונעם מלאך, האבן געוואוסט די געוואלדיגע הערצה און הערכה וואס ער האט פאר רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, און ער פלעגט זיך כסדר אויסדריקן אז דער מונקאטשער רב איז דער גרעסטער צדיק פון דעם דור!

דער 'מלאך' האט אנגענומען דעת קדשו פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע בהלכות דיעות ואמונה טהורה אקעגען די ציונים און אלע פארטייען. אין א בריוו טרעפן מיר ווי דער 'מלאך' שרייבט (אוצר אגרות קודש מכתב סה):

**הספר "תיקון עולם" כשמו כן הוא, ומי יתן ויקובל דברי הרב הקדוש שיחי' ממונקאטש, כל דבריו אהובים ונאמנים למאמינים, אבל לדאבון לבי כל בעלי לב מועטים המה המבחינים ומבינים, כי לא עם בינות הוא.**

אין אנדערע בריוון וואס זענען פארבליבן פונעם 'מלאך', טרעפן מיר ווי ער דערמאנט און באדאנקט אז ער האט ערהאלטן דעם ספר "מסעות ירושלים" (שם מכתב סז), און ווי אויך אז ער האט באקומען דעם קונטרס דברי קודש פון רבינו זי"ע און שרייבט (שם מכתב פח) "**קבלתי ההושענות של אדמו"ר ממונקאטש שליט"א**".

ווערנדיג איבערגענומען פון די 'דברי קודש', די הייליגע און פייערדיגע דברי תורה וואס רבינו זי"ע האט משמיע געווען ביום הושענא רבה ביים זאגען די הושענות, האט דער 'מלאך' ווייטער געשיקט דעם קונטרס צו זיין בן יחיד, און ער שרייבט איהם (שם מכתב רכה):

**יום וא"ו ערב שבת קודש אמור שלחתי אליך ג' עלים נדפסים, ב' מהם פירוש הושענות מרב הקדוש דמונקאטש יחי'...**

ער פירט דארטן אויס:

**ראה נא, שעוד נמצאו ת"ל רבנים מובהקים שיודעים את התורה, היינו מים חכמת התורה, זייא קענין לעהרנין, וממילא הם מאמינים בד' ובתורתו...**

די דעמאלטס אידישע צייטונגען אין אמעריקא, וואס זייערע רעדאקטארן זענען געווען היבש אפגערעמד פון ארגינעלע אידישקייט, פלעגען אסאך אפחוזקן פון דעם מלאך מיט זיינע נאכפאלגער. צווישן זייערע בלעטער טרעפן מיר אויך ווי זיי דערמאנען אז דער מלאך פארלאנגט אז "צו קיין ארגאניזאציע זאלען זיי נישט באלאנגען, אפילו נישט צו דער פרומער 'אגודה', אפילו צו קיין חסידי'שען רבי'ן זאלען זיי נישט געהן, ווייל ס'איז היינט - זאגט ער - נישטא קיין אמת'ער חסידי'שער רבי', א חוץ דער מונקאטשער רבי', פון איהם האלט ער יא.

### 'חס ליה לזרעא דאבא'

ווי געזאגט, זענען נתקרב געווארן צום 'מלאך', אן ענגע גרופע פון בחורים, וועלכע זענען געווען תלמידים פון "ישיבה תורה ודעת". זיי האבן צווישן זיך געגרינדעט אן אייגענע חבורה, וואס איז געווען אונטער די השפעה פונעם מלאך, און זיי האבן אפגעראכטן זייער עבודת ד' און לימוד התורה מיט א פייערדיגע גייסט פון חסידות, מיט א פעסטקייט און שטאלץ.

די בחורים האבן זיך אפגעריסן פון דעם אמעריקאנעם שטראם, און זענען געווען מצויינים מיט זייער התנהגות און ערליכן צורה און לבוש. לויט די מצב אין יענע צייטן, איז געווען א גרויסע סענזאציע צו זעהן בחורים וואס לאזן זיך וואקסן די בערד און פיאות און גייען מיט לאנגע ציצית אינדרויסן... דאס האט געברענגט אז די פרייע אידישע צייטונגען האבן אויף זיי געשריבן דעם אויסדריק "מונקאטש אין נוא יארק"!

צווישן די זאכן וואס דער 'מלאך' האט שטארק פארלאנגט פון זיינע נאכפאלגער, איז געווען מען זאל בלויז רעדן דעם אידישן שפראך, און נישט רעדן און אודאי נישט לערנען די גוי'שע שפראך און לימודי חול. דער 'מלאך' האט דערין געזעהן א וויכטיגער יסוד און חומה, מען זאל זיך קענען האלטן בדרך ישראל סבא אין אמעריקא [אין א בריוו צו זיין זוהן שרייבט דער מלאך (שם מכתב נג): השמר והשמר, הזהר והזהר מלדבר עם הבנות בלשון גוים ח"ו וח"ו, ולא ישמע בביתך אתה וביתך שום דיבור, אפילו מלה אחת, בשפת גוים ח"ו וח"ו, כי זהו תכלית החורבן והשממון לגוף ונשמה עד אבדון תאכל, ואין תקומה לאיש ואשתו אשר יעברו על זה, והשומע יתברך].

דאס האט געברענגט, אז איינע פון די חברי וועד און מייסדים פון די "ישיבה תורה ודעת", הר"ר בנציון וועבערמאן ז"ל, א חרדי'שער אדוואקאט וועלכער איז געווארן מקושר צום 'מלאך', האט אנגעהויבן מוחה זיין איבער אריינברענגען דאס לערנען לימודי חול אין די ישיבה מיט די בחורים.

צווישן די חברי וועד הנהלת הישיבה איז געווען חילוקי דיעות דערוועגן. טייל האבן געהאלטן, אז מען מוז יא אריינברענגען לימודי חול אין די ישיבה, מיט א כוונה לטובה, כדי אזוי ארום זאל מען מקרב זיין נאך בחורים צו לימוד התורה און מען זאל חלילה נישט גיין שטודירן און זיך לערנען

אין אזעלכע פלעצער וואס זענען אפגעפרעמד פון תורה.

דער פריעדערמאנטער ר' בנציון וועבערמאן ז"ל איז געשטאנען פעסט אומבויגזאם פון זיין מיינונג, אז מען טאר נישט ערלויבן דאס לערנען לימודי חול אין אן ערליכע ישיבה פאר בחורים וואס לערנען תורה.

די חברי הנהלת הישיבה האבן גוט געוואוסט, אז די 'מלאכים' חבורה זענען גבורי כח אויסצופאלגען דעם דעת תורה און הוראה פון זייער רבי'ן, און וועלן זיך דערפון נישט אפנויגען. אבער אזוי ווי עס איז געווען באקאנט, איבער דעם קשר און הערצה פונעם 'מלאך' צו רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, איז ביי זיי אויפגעקומען אין געדאנק אנצופרעגן רבינו זי"ע איבער דעם ענין, און אזוי נאך אנדערע ענינים וואס זענען נוגע געווען די 'מלאכים' חבורה.

דער בארימטער מנהל ומקים עולה של תורה הגאון החסיד ר' שרגא פייביל מענדלאוויטש זצ"ל, האט אין די זומער חדשים פון יאר תרצ"ה, ארויסגעשיקט א בריוו קיין מונקאטש, ווי ער טוט פארשטעלן א בקשה צום הייליגן מנחת אלעזר זי"ע, אז ער זאל שרייבן צו דעם אדוואקט ר' בנציון, ער זאל נאכלאזן פון זיין שטארקע מחאה און שטער איינצופירן לימודי חול אין די ישיבה.

אור ליום ג' שופטים תרצ"ה, האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אפגעשריבן זיין ענטפער בריוו קיין נוא יארק, געווענדן צו רבי שרגא פייביל, אנהויבנדיג מיט די ווערטער (אגרות שפירין מכתב קנז):

**אדמהו אכנהו, ולא אדעהו, אך מכותלי מכתבו ניכר כי בן תורה הוא, על כן אשיב מפני כבוד הדת של תורה, להמופלא וכו' מו"ה שרגא פייביל מענדלאוויטש נ"י, יליד אונגארן (כך חתימת ידו).**

באציענדיג זיך צו די בקשה שרייבט רבינו זי"ע אין זיין מכתב:

**הנה בדבר שאלתו הארוכה במכתב עוז חביון, ובקשתו לכתוב להעורך דין שהוא בן תורה וירא אלקים, שיניח מלמחות נגד שרוצים לערב כלאים, היינו בתי ספר של בני ישראל היראים אשר המה בלי תערובות זרות חכמות ולשונות הנכרים יערבו לימודיהם וכו' – חס ליה לזרעא דאבא אבוהון ורבן של ישראל זי"ע (בעל דרכי תשובה) עוד ליועץ או להדיח ח"ו איש כזה אשר עומד עוד לנס ללחום נגד התערובות הנ"ל בארץ תלאובות שם בעוונותינו הרבים בדורנו (יהיה ד' עמו ועמנו) שינות מזה ויסכים לדיעות שכנגדו בזה, חלילה לי מעשות זאת.**

און שרייבט ווייטער:

**ואדרבה, קבלה היא מאבותינו זי"ע, ועוד נוכחנו לדעת בפראקצי"ע, בבחינה ובנסיון, כי הנוטים והולכים בדרך תערובות כזה לעשות מעשה, עוד הרעו לכל דת תורתינו הקדושה להם ולדורותם ועל כל דורות זרע ישראל...**



אינטרעסאנטע אויסשניטן פון אמאליגע אידישע צייטונג איבער די 'מלאכים'

דערויף וואס רבי שרגא פייביל האט געניצט אלס ראיה להיתר מערב צו זיין לימודי חול אין די ישיבה, ווייל אזוי טוט מען למעשה אין די "ישיבת רבינו יצחק אלחנן" אין נוא יארק (וועלכער איז גערופן געווארן אויפן נאמען פונעם אויבנדערמאנטן קאוונער רב זצ"ל, פון וועמען דער מלאך האט ערהאלטן 'סמיכה' בימי נעוריו), האט רבינו זי"ע דאס אפגעענטפערט נישט צו נעמען פון דארט קיין ראיה, און פירט אויס זיין בריוו:

**ויש לי בזה עוד לדבר, וגם טעמים הרבה לשבח על הנפסק במכתבי זה, איך אין עת להאריך. והמכתב הזה הגיענו עוד למרחץ סליאטש... ואחר עד עתה. ובבואי לביתי לא רציתי לעבוד בבל תאחר עוד, כי אולי הנני בזה גם כן בכלל מי שיש בידו למחות שאמרו חז"ל (בשבת נ"ד ע"ב), וימצאו אולי גם במדינתכם עוד איזה שרידים אשר ד' קורא, שיחזיקו בדגל התורה, ויתחזקו נגד המתפרצים.**

### "ויוכל להיות תועלת גדול, ובפרט באמעריקא"

מיט א צייט שפעטער, האבן די מנהלי הישיבה ישיבה ומתיבתא תורה ודעת ווידער אנגעפרעגט עטליכע שאלות, וואס זענען נוגע געווען די חבורה פון בחורים וואס זענען גערופן געווארן 'מלאכים'.

די ערשטע שאלה איז געווען איבער משנה זיין דעם נוסח התפלה צום נוסח שער הכולל פון אריז"ל (וואס מיר רופן היינט נוסח ספרד). דערויף איז די תשובה פון רבינו זי"ע (אגרות שפירין מכתב קנח):

**על דבר שאלתכם אם לשנות נוסח התפלה וכו', הנה תוכלו לעיין בחיבורינו שו"ת מנחת אלעזר (חלק א' סימן י"א), כי לנוסח ספרד היינו שזהו (אינו נוסח ספרדי השפאניאלי וטורקיי) רק נוסח שער הכולל מרבינו האריז"ל, מותר לשנות ולהתפלל בו כל אחד ואחד בימינו, ועיין בחיבורינו חמשה מאמרות מאמר נוסח התפלה.**

איבער דעם וואס רבינו זי"ע איז בפרטות געפרעגט געווארן צו מען מעג משנה זיין פון אונזער מבורר'דיגע נוסח האריז"ל צו נוסח פון בעל התניא זי"ע, שרייבט ער ווייטער:

**אך אם גם מנוסח המבורר מהאריז"ל (כמבואר בחיבורינו חמשה מאמרות כנזכר) מותר לשנות לנוסח הרב התניא ז"ל (אשר רק שינוים קטנים יש ביניהם), בזה אין חפצי להשיב.**

די צווייטע שאלה איז געווען, איבער דעם וואס א מלמד אין תלמוד תורה וויל לערנען מיט די קינדער דעם ספר הקדוש ליקוטי אמרים – תניא. דערויף קומט די תשובה פון רבינו זי"ע:

**ואם ללמוד עם הנערים בתלמוד תורה ספר הקדוש ליקוטי אמרים להתניא ז"ל, הנה לפי דעתי אין להתקוטט עם המלמד שעושה כן, כי המה קילורין לעינים ומטהרים הלב והנפש, והמפורסם אין צריך ראיה, וכאשר מקובלני מפי רבותינו ואבותינו הקדושים זי"ע. וגם לנערים בתלמוד תורה, אם המלמד חכם ומבין בזה להבינם לפי דרכם, אז יתחנכו על ידי זה ביראת ואמונת השם יתברך, ויוכל להיות תועלת גדול, ובפרט באמעריקא, אשר גבר ההפקרות והמינות ר"ל, יוכל להציל הרבה נפשות מישראל בעזרת השם יתברך.**



די בריוו פונעם 'מלאך' נאך די הסתלקות פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע

אין א צייטונג אויסשניט פון יענע צייטן לייענען מיר, ווי דער שרייבער האלט אפ אן אינטערוויו מיט דעם חרדי'שן אדוואקאט, הר"ר בנציון וועבערמאן ע"ה, און דערביי באשולדיגט דער צייטונג-שרייבער דעם מלאך פון אויסלערנען די קינדער נישט צו פאלגען זייערע עלטערן.

דערויף ווייזט אן ר' בנציון, אז דער מלאך טוט אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון כיבוד אב ואם, אבער ער ווייזט אויך אן די הלכה פסוקה אין שלחן ערוך, אז ווען עלטערן ווילן אראפ פירן א קינד פון גלייכן וועג, זאל דאס קינד נישט פאלגען.

אינטערסאנט איז, אז אויך איבער אט די טענה וואס מען האט געהאט אויף די 'מלאכים', טרעפן מיר ברמז אין דעם פריערדערמאנטן מכתב פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע צו די הנהלת ת"ת ומתיבתא תורה ודעת, ווי ער שרייבט צו זיי:

**על כן בשארי השאלות איני צריך, ואין חפצי להשיב, כי הא בהא תליא, לענין כיבוד אם ואם, אם הוא לקיום דברי תורה או לעבור על דברי תורה, כמובן ודי לחכימא.**

### מי יגן בעדם?

נאך די הסתלקות פון רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע, ב' סיון תרצ"ז אין מונקאטש, האבן די מקורבים פונעם מלאך זצ"ל אינעם ווייטן אמעריקא, געהערט מפה קדשו, ווי ער האט באטאנט, אז מיטן הסתלקות פון רבינו זי"ע, האט אייראפע פארלוירן זייער באשיצער, און האט פאראויסגעזאגט איבער די שווערע צייטן וואס וועלן ליידער נאכקומען.

דער 'מלאך' האט בלשונו הקדוש אויסגערופן אויף רבינו זי"ע:

**- ער איז געווען א צדיק יסוד עולם! זיין זכות האט מגין געווען אויף גאנץ אייראפע! ווער ווייסט וואס עס וועט יעצט זיין דארט?**

אויך האט ער צוגעלייגט געזאגט:

**- ער האט איינגעהאלטן די הונט מיט אייזערנע קייטן!**

### "אלקיהם לא מת"

אין יענע תקופה, האט הגה"צ המקובל ר' ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל פון ירושלים עיה"ק געשריבן צום 'מלאך' איבער די גרויסע אבידה, און האט דערמאנט ווי שטארק כלל ישראל האט אזוי מפציר געווען בתפלה פארן מנחת אלעזר'ס רפואה, אבער די שערי שמים זענען ליידער געווען פארשלאסן, און פארשטייט נישט פארוואס די אלע תפלות זענען נישט נתקבל געווארן. דערביי טוט זיך רבי אשר זעליג אויך אפרעדן מיט זארג, אז אצינד ווען דער צדיק הדור איז מער נישט דא, וועט פארלוירן גיין דעם גרויסן כח הקדושה וואס ער האט משפיע געווען איבעראל.

דער 'מלאך' האט איהם געענטפערט אין א בריוו (אוצר אגרות קודש מכתב פג):

**אודות פטירת הרב הקדוש ממונקאטש ז"ל, נזכרתי מה ששמעתי, שכאשר נחלש הקדוש** [רבי אברהם בן המגיד ממעזריטש זי"ע] **הוא הנקרא בפולין בשם 'מלאך', שלחו פדיון נפש להרב הקדוש רבי נחום מצעדנאביל, ומיהר ללכת מיד למקוה. וכאשר נכנס במקוה, עוד טרם טבל, יצא ואמר ששמע קול אומר 'למה תרצדון הרים גבנונים ההר חמד אלקים לשבתו'.**

**ואם כן** - אז אין הימל גלוסט מען צו האבן דעם צדיק מיט זיך - **אין לתמוה למה ומדוע לא הועילו תפלת הרבים וכן שלמים עבורו!**

ווייטער שרייבט דער 'מלאך':

**ומה שמעלתו מתאונן וחושש שמא ח"ו מעתה יצליחו הרודפים.**

**הנה במדרש רבה על פסוק וימת יוסף כו' אבל אלקיהם של אלו לא מת. ומובן שהדברים צריכים פירוש.**

**אמנם הכוונה הוא, ודאי שיוסף ואחיו וכל הדור ההוא בעבודתם בקודש המשיכו אלקותו יתברך עד העולם המותר והמורגש. ואולי יעלה הדעת שכשם שנשמתם נסתלקו ועלו למעלה, כן האלקות שהמשיכו גם כן נסתלק ועלה למעלה, לזה אמרו 'אבל אלקיהם' שהמשיכו 'לא מת', היינו שלא היה שבירה כלל. ולכן בני ישראל פרו וישרצו כו', שפעלו והמשיכו.**

און דער 'מלאך' פירט אויס:

**בוודאי יש גם עתה המגן בעדן.**

**אות תודה לידידינו הרב ר' יודל ראפאפארט שליט"א,
מלמד תשב"ר תלמוד תורה תפארת בנים
על עזרתו המרובה לעריכת המאמר**


קטע מהצוואה הקדושה דמרן אדמו״ר זי״ע

# א בלעטל וואס אנ"ש שארית הפליטה האבן ארויסגעגעבן זעכציג יאר צוריק

# צום גרינדונג פונעם ערשטן "בית המדרש מנחת אלעזר מונקאטש"

# ווי זיי ברענגען ארויס יעדער זיין געדאנק איבער די נחיצות פון קובע מקום זיין לתפלה אין א מונקאטשער בית המדרש

Ichud Chasidei Munkacs
P.O.B. 393
Brooklyn, New York 11219